**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/26/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעזיגנירט UNION AVENUE אין סאראטאָגע ספרינגס אלץ ' MARYLOU WHITNEY WAY'**

***געזעץ S.6738-A/A.7625-A גיבט א נאמען פאר א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין סאראטאָגע ספרינגס סיטי נאך מערילו וויטני***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט א נאמען געגעבן פאר א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין סאראטאָגע ספרינגס סיטי אלץ די 'Marylou Whitney Way'. דאס פאלגט נאך די לעצטיגע אונטערשרייבונג פון א געזעץ (S.6738-A/A.7625-A) דורך גאווערנער האקול גיבנדיג א נאמען פאר Union Avenue אין סאראטאָגע ספרינגס נאך מערילו וויטני.

"מערילו וויטני'ס יארן פון איבערגעגעבנקייט צו סאראטאָגע וועלן ווייטער לעבן פאר אייביג, אפשפיגלנדיג די ארבעט וואס זי האט געטוהן דורכאויס איר לעבן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זי איז געווען גרעסער פון לעבן אליין, א פיאנירין פון איר צייט, און איר אנדענק וועט זיין דא א לעבעדיגע ירושה, און היינט איז עס מיר אן עהרע צו רופן נאך איר א שטיקל פון די סיטי וואס זי האט אזוי שטארק ליב געהאט. איך באדאנק די וויטני פאמיליע פאר זייער אנגייענדע ארבעט דא, און איך בין דאנקבאר צו קענען געדענקען מערילו אלץ די לעגענדע און פריינדינע וואס זי איז געווען פאר אזוי פיל מענטשן."

מערילו וויטני איז געווען א הויפט פיגור אין די סאראטאָגע געגנט און אין די פערדן פארמעסטן קאמיוניטי צוגלייך. זי האט דורכגעפירט פילע פילאנטראפישע באמיאונגען פאר די ארבייטער ביי די פארמעסטן און פאר פארעלטערטע פערדן, און זי האט געשפילט א קריטישע ראלע אינעם מאכן סאראטאָגע קאונטי אזוי ווי עס איז היינט. זי האט געשפילט א הויפט ראלע אינעם זיכער מאכן אז די אויסגעפלאסטערטע וועג פאר פארמעסטן אין סאראטאָגע זענען געבליבן אפן און אז אירע פערדן זענען געבליבן אין פארמעסטן אויף די NYRA וועג פאר צענדליגע יארן, ארויסקומענדיג זיגרייך סיי ביי Belmont און סיי ביי Travers פארמעסטן.

**דער ניו יארק פארמעסטן פארבאנד (New York Racing Association, NYRA) פרעזידענט און CEO, דעיוויד אָראורקע, האט געזאגט,** "קיין איין מענטש האט נישט געמיינט מער פאר די אנגייענדע הצלחה פון די סאראטאָגע פארמעסטן וועג ווי מערילו וויטני. עס איז אן עהרע פאר די NYRA צו באשיינען מרת וויטני'ס אנגייענדע ביישטייערונגען צו די ספארט און צו סאראטאָגע דורכן אנרופן די אריינגאנג צו די קלאבהויז נאך איר. און יעצט היינט, וועט Marylou Whitney Way דינען אלץ די אריינגאנג צו סאראטאָגע לענגאויס Union Avenue — א גאר פאסיגע וועג צו פארזעצן צו באעהרן מרת וויטני'ס מערקווירדיגע לעבן און ירושה."

**סטעיט סענאטארשע דעפני דזשארדען האט געזאגט,** "עס איז פאסיג אז די סטעיט רוט P-9 צווישן די I-87 און East Avenue אין סאראטאָגע ספרינגס סיטי וואס פירט אריין צו – און שטייט נאענט צו – די

פארמעסטן וועג, זאל גערופן ווערן Marylou Whitney Way. אונזער היסטארישע, וועלט'ס באקאנטע סאראטאָגע פארמעסטן וועג איז געפארעמט, פארשטערקערט און געשטיצט געווארן דורך מערילו ווּיטני'ס ברייטהארציגקייט. איר שתדלנות האט געהאלפן די פארמעסטן וועג צו בלייבן אפן און געהאלפן די Saratoga Meet צוציהען איבער א מיליאן יערליך. אירע פערדן זענען דערקענט געווארן אלץ רעגלמעסיגע שפילער ביי די Travers פארמעסט און זי איז ארויס זיגרייך און האט געהאט א אנגעזעהענע קאריערע אלץ אן אייגנטומער. מערילו איז אויך געווען אן איינפלוסרייכע פיגור וואס האט געטוהן פילאנטראפישע גוטע ווערק פאר די ארבייטער פון די פארמעסטן פלעצער און פאר פארעלטערטע פערדן. אין צוגאב, איז זי געווען פון די גרינדער פון SPAC, געהאלפן אויפשטעלן די נאציאנאלע מוזעאום פון טאנץ (National Museum of Dance), געארבעט צוריקצוברענגען די נאציאנאלע מוזעאום פון פארמעסטן (National Museum of Racing) און געגעבן יארן פון שטיצע פאר דעם סאראטאָגע שפיטאל. Marylou Whitney Way וועט פאר אייביג ווערן פארבינדן מיט מערילו ווּיטני און די ביישטייערונגען וואס זי האט איבערגעלאזט פאר סאראטאָגע ספרינגס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן פייערן די דעזיגנירונג היינט און פארן אונטערשרייבן מיין סענאט געזעץ S6738A דאס צו פארווירקליכן. איך באדאנק אויך מיין לעגיסלאטיווע קאלעגע, אסעמבלי פרוי ווערנער, פאר איר ארבעט צו זיכער מאכן אז די געזעץ ווערט דורכגעפירט אין די אסעמבלי."

**אסעמבלי מיטגלידערין קערי ווערנער האט געזאגט,** "מערילו ווּיטני וואס איז אנערקענט געווארן אלץ די "זייל פון די פארמעסטן" (Pillar of the Turf) אין 2019 דורך די נאציאנאלע פארמעסטן האָל אָוו פעים (National Racing Hall of Fame) איז פון לאנג געווען א נאמען וואס קומט ארויף אין געדאנק צוזאמען מיט פערד פארמעסטן אין סאראטאָגע ספרינגס. אלץ אן ערציהערין פון פארמעסטן פערדן, א שטיצערין פון די פארמעסט ספארט און א פילאנטראפ, וועט מרת ווּיטני'ס איינפלוס אויף אונזער סיטי און אויף די פארמעסט ספארט ווייטער לעבן. עס איז מיר א פארגעניגן צו האבן געקענט אוועקשטעלן די אנדענק צו איינס פון די גרעסטע פרויען פון אונזער תקופה."

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן